

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת בהר

# זיי נישט קיין שלאנג-מענטש

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת בהר

# זיי נישט קיין שלאנג-מענטש

"איך האב א שאלה," האט שימי אויסגערופן ווי נאר מען האט געענדיגט ליינען דעם פסוק י"ז. "פארוואס זאגט די תורה: 'ולא תונו איש את עמיתו', ווען מען האט נאר עטליכע פסוקים פריער - אין פסוק י"ד געליינט: 'אל תונו איש את אחיו'? האבן טאקע דיביידע פסוקים די זעלבע פשט: אז מען זאל נישט רעכענען צופיל געלט און נישט זאגן ליגנט ביים פירן געשעפטן?"

"דו מיינסט דער פארקויפער וואס האט פארקויפט יענקי'ס העמד?!" האט לעזער אויסגערופן מיט א גרימאס.

די גאנצע קלאס האט זיך אויסגעדרייט צו יענקי וואס איז געקומען יענעם טאג אין חדר מיט א פינקע העמד. אלע האבן זיך אונטערגעשמייכלט. יענקי'ס פנים איז געווארן פארפאלמט רויט. "איך דארף טרינקען," האט ער ארויסגעשטאמלט, ארויסלויפנדיג פון צימער.

די אינגלעך האבן זיך איינגעשטילט דערקענענדיג רבי כהן'ס אומצופרידענע פנים.

"קינדער, איך בין אנטוישט! איבערהויפט שטערט מיר זייער אז ענקער נישט ריכטיגע אויפפירונג איז געקומען נאך שימי'ס שאלה."

אלע האבן זיך ארומגעקוקט צעמישט. זיי האבן געוואוסט אז ס'איז נישט געווען ריכטיג צו חוזק מאכן פון יענקי'ס העמד. אבער וואס האט דאס צו טון מיט שימי'ס שאלה?

דער רבי האט זיי נישט לאנג געלאזט ווארטן. "די גמרא איז מסביר," האט ער פארגעזעצט, "אז די צווייטע פסוק חזר'ט נישט איבער די זעלבע זאך ווי די ערשטע פסוק. די ערשטע פסוק זאגט אונז אן אז מען זאל נישט טשעפען א צווייטן ביי די געשעפטן און די צווייטע פסוק זאגט אונז אז ס'איז אן עבירה צו טשעפען א צווייטן מיט ווערטער.

און נישט נאר דאס, נאר די גמרא ברענגט אז טשעפענען איינעם מיט ווערטער איז ערגער ווי טשעפען איינעם ביי די געשעפטן! דאס מיינט אז אויב דו האסט צוויי מענטשן, איינער איז א גנב וואס גנב'ט פון אנדערע און דער צווייטער איז ממש אן

אמת׳ער מענטש אבער ער טשעפעט אנדערע, זאל מען וויסן אז דער גנב איז א גלייכערע מענטש ווי דער טשעפניאק.

אין דער ספר, ״תורת אביגדור״ פון הגה״צ רבי אביגדור מיללער ז״ל איז דא א הערליכע שמועס איבער דער ענין. איך וועל ענק ברענגען נאך א גמרא פון דעם ספר אבער קודם וויל איך ענק עפעס פרעגן: ענק געדענקן ווען מיר האבן באזוכט אין די זָאא צו באטראכטן די וואונדערליכע באשעפענישן וואס דער אויבערשטער האט באשאפן? ווער קען זיך דערמאנען וועלכע חי׳ האט דער ארבעטער געזאגט איז די מערסטע שרעקעדיג? נישט די גרויסע לייבן אדער טיגערס, ניין. נאר דער שלאנג! פארוואס? ווייל אויב דו וועסט בטעות פארבייגיין א לייב אדער א טיגער ווען ער איז זאט וועט ער דיר נישט טשעפען. אז ער האלט נאך א גוטע סעודה וועט ער נישט אטאקירן. אבער א שלאנג קען האלטן נאך א פעטן סעודה, אויב דו וועסט אים פארבייגיין וועט ער דיר בייסן פאר גארנישט און פאר נישט.



די גמרא ברענגט אז לעתיד לבא וועט השי״ת אונז פארשטעלן א שפיל. אבער דאס וועט נישט זיין א קליינע זיסע פארשטעלונג פאר קינדער. אין דעם פארשטעלונג וועט השי״ת ברענגען אלע ווילדע חיות אויף די בימה. אלע חיות וועלן זיין אויף איין זייט און נאר דער שלאנג וועט זיין אויף דער אנדערער זייט. און אלע חיות וועלן אנהייבן צו שרייען אויפן שלאנג, ׳דו רשע! פארוואס

האסטו געביסן מענטשן אן קיין שום סיבה? האסט גארנישט פארדינט פון דעם פארוואס האסטו עס געטון? מיר אלע האבן נאר אטאקירט מענטשן ווען מיר זענען געווען הונגעריג - אבער דו? דו האסט עס געטון סתם אן קיין שום ניצן!'

און דער שלאנג וועט ענטפערן, 'וואס ווילן ענק פון מיר האבן? ס'דא איינער וואס איז נאך ערגער פון מיר!' און דער שלאנג וועט ווייזן אויף אונז, די צוקוקערס און ער וועט זאגן, 'קוקטס אויף די רשעים - די מענטשן וואס האבן געזאגט נישט שיינע זאכן אויף אנדערע אן קיין שום סיבה!

מילא איך - וואס דער אויבערשטער האט באשאפן פאר א שלאנג און מיר געגעבן די געברויך צו בייסן - האב איך געביסן. אבער מענטשן האבן דאך בחירה - זיי האבן געוואוסט אז ס'איז גארנישט ווערד צו זאגן שלעכטע זאכן איינער פארן צווייטן און נאכאלץ האבן זיי עס געטון!'

יעצט צוריק צו יענקי. יענקי האט מיר געזאגט דעם אינדערפרי אז זיין מאמע איז קאליר בלינד. זי האט אים געקויפט דעם העמד מיינענדיג אז ס'איז גרין! און יענקי האט עס אנגעטון ווי א גוט קינד ווייל ער האט נישט געוואלט ווייטון פאר זיין מאמע.

קוקטס וואס ענק האבן געטון צו אים. ענק האבן חוזק געמאכט פון אים און אים אויסגעלאכט. מן הסתם האט ער זיך געשפירט ווי א מענטש וואס מען לייגט ר"ל אריין אין א שלאנגן גרוב פול מיט גיפטיגע שלענג וואס אטאקירן אים פון אלע זייטן. קענען ענק זיך פארשטעלן ווי אזוי ער האט געשפירט?!"

די קינדער האבן אראפגעקוקט אויף דער ערד פארשעמטערהייט. זיי האבן קיינמאל נישט אריינגעקלערט אין דעם. זיי האבן גורם געווען צער פאר יענקי און גארנישט פארדינט דערביי. ביי הפסקה זענען אלע קינדער צוגעגאנגען צו יענקי און אים איבערגעבעטן. און זיי האבן זיך פארגענומען, מיט אויבערשטנ'ס הילף, מער קיינמאל נישט צו זיין ווי א גיפטיגע שלאנג וואס אטאקירט מענטשן אן קיין שום ניצן.

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3